נומער 4.12

<u>עקזעקיוטיוו באפעל</u>

**פארצוזעצן די דעקלעראציע פון א גאנץ-סטעיט׳יגע דיזעסטער עמערדזשענסי צוליב העלטקעיר שטאב מאנגלען אין סטעיט ניו יארק**

**אזוי ווי**, עס זענען פאראן שטאב מאנגלען אין שפיטעלער און אנדערע העלטקעיר איינריכטונגען און זיי זענען ערוואַרטעט ווייטער אנצוהאלטן;

**אזוי ווי**, ערנסטע שטאב מאנגל אין שפיטעלער און אנדערע העלטקעיר איינריכטונגען זענען ערוואַרטעט צו אפעקטירן די מעגליכקייט צוצושטעלן קריטיש-וויכטיג קעיר און צו געבן גענוג צוגעפאסטע סערוויס פאר אויסגעשטעלטע גרופעס;

**אזוי ווי**, עס איז פאראן א באלדיגע און קריטיש-וויכטיגע נויט צוצולייגן צו עקזיסטירנדע שטאב מיטגלידער צו פארזיכערן אז שפיטעלער און געזונטהייט איינריכטונגען קענען געבן באהאנדלונג;

**אצינד, דעריבער**, טו איך, קעטי האוקול, גאווערנער פון סטעיט ניו יארק, דורך די אויטאריטעט באפולמעכטיגט אין מיך דורך דער ניו יארק סטעיט קאנסטיטוציע און די געזעצן פון דעם סטעיט ניו יארק, טו איצט פארלענגערן דער סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי ווי פארגעלייגט אין דעם עקזעקיוטיוו באפעל 4, ווי פארגעזעצט דורך עקזעקיוטיוו באפעל 4.11, און טו אצינד פארזעצן ווייטער די טערמינען, באדינגונגען, און אפשטעלונגען אנטהאלטן דערינען ביז סעפטעמבער 27, 2022, אויפ׳ן באדינג אז די פאלגענדע ענדערונגען וועלן אריינגיין אין קראפט:

- די סוספענסיעס געמאכט צו טייל 4903 פון דעם אינשורענס געזעץ און טייל 4903 פון דעם פובליק געזונטהייט געזעץ דורך עקזעקיוטיוו באפעל 4 ווערן אצינד טערמינירט; און
- דאס ציילן שטאטוטליכע צייט אפשניטן געפאדערט פאר שפיטאל אריינגעבן אן אינערליכן אפיעל און אן אויסערליכן אפיעל פארגעלייגט אין אפטייל C פון טייל 4904 פון דעם אינשורענס געזעץ, פאראגראף 1 פון אפטיילונג B פון טייל 4914 פון דעם אינשורענס געזעץ, אפטיילונג 3 פון טייל 4904 פון דעם פובליק געזונטהייט געזעץ, און פאראגראף A פון אפטיילונג 2 פון טייל 4914 פון דעם פובליק געזונטהייט געזעץ, זענען אצינד טערמינירט, און סיי וועלכע אזעלכע אפווארטנדע אדער אנגייענדע אפיעלס אין דער צייט וואס די ציילונג פראוויזיעס פון עקזעקיוטיוו באפעל 4 איז אריין אין קראפט זאל האבן זייערע שטאטוטליכע צייט אפשניטן צוריקגעשטעלט.

ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און דעם עמטליכן זיגל פון דעם סטעיט אין דער שטאט אלבאני דעם אכט און צוואנציגסטן טאג פון אוגוסט אין דעם יאר צוויי טויזנט צוויי און צוואנציג.

דורך דער גאווערנער

סעקרעטאר פאר דעם גאווערנער